מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

זכרון ראובן יוסף
לע"נ הרה"ח ראובן יוסף
בן מו"ה אלכסנדר זושא ז"ל

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **משפטים - תרומה** תשפ"א ◆ עלון מס': **59**

## דברים שבלב

**אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות**

### סענדער דער שדכן און זרח דער בדחן

יעדער מענטש אויף די וועלט האט זיך זיין בליק וואס הייסט א 'מוצלח' און ווער איז עס דער 'לא יוצלח'. ווער איז דער שלימזל וואס איז שטעקן געבליבן אין זיין ווינקל און האט נישט מצליח געווען זיך ארויסצורוקן פון די פיר עקיגע ווינקל, און דאגעגן ווער איז דער וואס האט זיך מצליח געווען ארויסצודראפענען פון זיין קעסטל און האט דערגרייכט, עפעס וואס מיט אונזערע פליישיגע אויגן זעט עס אויס א הצלחה.

די היינטיגע וועלט איז א געבינדענער וועלט. יעדער האט מיט יעדן. אז מען דארף עפעס דארף מען רעדן מיט "יענעם', ווייל דער יעניגער איז דער שליסל צו דער און דער זאך. אז ער זאגט "יא' איז "יא' און אויב ער שאקלט מיט די קאפ אויף 'ניין' איז דער זאך געשלאסן אויף 'ניין'.

עס איז א וועלט פון שטארקע, פון שוואכע, פון אזוינע וואס זענען נענטער צו דער 'שפיץ' און דאגעגן די אדערע וואס זענען ווייט אוועק פון דעם שפיץ, און מיר זענען זיכער אז אויב וויל מען עפעס דערגרייכן מוז מען זיך צושטופן צום שפיץ, ווייל נאר אז מען האט די ריכטיגע קאנעקשנס קומט מען אן איבעראל.

אבער צי איז דער בילד טאקע אזוי? צי ליגט טאקע די הצלחה מיט'ן זיין אנגעבינדן אין דעם ריכטיגן פארשוין און מיט'ן דרוקן אויף די ריכטיגע סטרונעס.

אסאך לעבן מיט א שטענדיגער איבערצייגונג אז מען דארף נאכגיין דער ציל אן אויפהער. אויב עס קומט נישט אן גרינג, זאגט עס איין זאך. עס מיינט אז מען האט נישט גענוג פראבירט און געקוועטשט. אזא איינער וועט רופן צו **מענדל** ער זאל בעטן פון **גינענדל** זאל זיין אזוי גוט און רעדן מיטן שכן **פישל** ער זאל בעטן פון זיין שטיף ברודער **זימעל** א שוואגער פון **בערל** דער פורים רב אין די ישיבה "יושב בסתר' אין די געגנט פון 'פורים שמח' אן אייניקל פון **שמערל** דער קביעות'דיגער בעל קורא אין שבת מברכין ביי מנחה אין דער שטיבל פון די זיידע **ר' יאס'קע** און דער שווער פון **ר' אייזיק** דער אמאליגער עושר, ער זאל בעטן פון דער משרת **ר' קלמן** ער זאל זאל זאגן פאר זיין איידעם **ר' זלמן** ער זאל פועל'ן ביי זיין שכן **סענדער** דער שדכן ער זאל זאגן צו **זרח** דער בדחן דער פארטרעטער פון **ר' פרץ** דער גבאי ער זאל דאגה'ען אז ער זאל באקומען די מפטיר פון שבת זכור בחינם מיט מוסף אן די יוצרות...

עס קאסט א שמייכל, אבער אזא פנים טראגן זיי, ליידער.

אן ערליכער איד פארגעסט נישט קיינמאל אז דער שליסל צו אלעס ליגט אין די הענט פון דעם בורא כל העולמים. ווען ער דארף שוין יא מאכן השתדלות ביי א צווייטן געדענקט ער די ווערטער פון דעם בעל חובת הלבבות [פרק ד' חלק השלישי] **כשיבקש מאחד חפץ, יהיה אצלו החלש והחזק שווה בעשותו ויבטח בהשלמתו על הבורא יתברך** - אז ווען ער דארף א טובה פון איינעם זאל דער שוואכער מיט דער שטארקער זיין ביי אים אייניג ווייל די שליסל ליגט אייביג ביי השי"ת.

א איד וואס לעבט מיט אמונה ווייסט צוויי זאכן. ער ווייסט אז נישט די תוצאה וואס עס זעט אים אויס גוט איז טאקע גוט, ווייל נאר השי"ת ווייסט וואס עס איז גוט פאר אים, ער ווייסט אויך אז די השתדלות וואס ער דארף טון צו דערגרייכן די זאך האט א גרעניץ און איינמאל ער האט עס געטון - פאדערט זיך נישט פון אים צו טון נאך און נאך ווייל עס וועט סיי ווי נישט העלפן.

אזא איד איז זוכה סיי צו מנוחת הנפש און סיי צו שמחה, און האט א שמחה'דיגע אדר.

לאמיר טאקע זוכה זיין דערצו, **ומשכנכנס אדר מרבין בשמחה.**

**[ארויסגענומען פון שיעור 132 אין שער הבטחון]**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### צו דעם זענען מיר אלע מסכים!

צי איז דער נייער סארט קאראנע ווירוס אדער ווי מען רופט עס אן די 'מאטאציע' טאקע מער שעדליך? צי איז דער לאוקדאון [סגר] ווירקזאם צי נישט? צי איז עס ריכטיג אז...

וואו מען דרייט זיך נאר ארום אין די טעג איז דאס דער געשפרעך פון דעם טאג. מען דעבאטירט און מען וויכח'נט זיך ארום דערויף טאג און נאכט, ווען יעדער באטראכט עס מיט זיין קוק, מיט זיין מיינונג. עס לאזט זיך זאגן אז אזויפיל מענטשן ווי עס איז דא אויף די וועלט אזויפיל דיעות...

שמועסנדיג אזוי מיט א יונגערמאן איבער די נושא האט ער איבערגעזאגט א ריכטיגע זאך, א נקודה צו וואס מיר אלע זענען איינשטימיג, א פינטעלע וואס מיר אלע, יעדער אין זיין וועג, קענען מיטנעמען.

"וויפיל מען וועט דרעשן אין די נושא און טענה'ן אז דער איז שולדיג, אז דער און דער האט עס געברענגט אויף אונז, זענען מיר אלע מודה אז עס קומט פון הימל, אז דער עשה ועושה ויעשה, ער מאכט אלעס און רבותי! ער האט עס נישט אהערגעשיקט אומזינסט! ער וויל עפעס פון אונז, ער וויל מיר זאלן זיין בעסער און מיר זאלן דערהערן די רוף וואס ער האט אונז ארויסגעשיקט".

דער יונגערמאן האט ממשיך געווען דערציילנדיג אז ער איז נאנט מיט א יונגערמאן וואס לעבט אזוי שטארק מיט די נקודה, אז ער האט זיך געמאכט א גדר אז אזוי לאנג ווי די מחלה און דער בילבול גייט נישט אוועק - עסט ער נישט קיין פלייש משבת לשבת, ווייל ער וויל זיך משתתף זיין מיט דער צער פון די ציבור און יעדער איינער קען טון עפעס!

די ווערטער וואס זענען געווען יוצאים מן הלב, מיט אזא קלארקייט איבער דער מצב, האט מיר באריכט.

ווען מען האט א רואיגער מינוט און מען איז זיך מתבונן אין דער מצב, כאפט מען זיךביים קאפ ווי ווייט דער יצר פארשלעפט אונז אז מיר זאלן נישט זען דעם אמת'ן בילד. ער מאכט אונז פינסטער אנלייגנדיג אז דער איז שולדיג, אז ווען עס וואלט ווען געווען אזוי... אז מיר פארגעסן דער עיקר, די פשוט'ע אמת, אז השי"ת רעדט צו אונז, ער וועקט אונז אויף, ער וויל אז יעדער זאל טון וואס ער קען.

כלל ישראל מוטשעט זיך ביטערליך. אידן ליידן יסורים און אבידות, לאמיר נישט ווערן פארשלעפט, לאמיר טון וואס מיר קענען, יעדער מיט זיין כח און דורכדעם וועט אונז השי"ת ארויסנעמען פון די שוועריגקייטן, מיר וועלן בקרוב ארויסקריכן פון דעם און זוכה זיין אז כימי צאתנו ממצרים וועלן מיר אויך יעצט זען נפלאות און זוכה זיין צו די גאולה השלימה והאמיתית בקרוב אין אונזערע טעג.

א גוט שבת
**פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 1-605-31-31-719 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 033-696-766
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## אן ענוועלאפ אויפ'ן וועג

ווען איך האב זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין די שטאט עפולה, האב איך געוואוסט אז איך וועל נישט האבן קיין צוויי ברירות, איך וועל דארפן איבערבויען די דירה פון אויבן ביז אונטן און איך האב זיך געגרייט דערצו.

נאך פון פריער האב איך זיך אנגעגרייט דערצו, און דורך אן ארבעט האב איך זיך פארשאפט די סומע פון $12,000 און דאס האט געדארפט אנקומען דורך א טשעק אויף די פאסט.

מיר זענען נישט געווען זיכער צי עס איז פארזיכערט צו שיקן אזא סומע געלט דורך די פאסט און וועגן דעם - יעדער מאל וואס מיר זענען ארויס פון שטוב האבן מיר באקוקט די פאסט קעסטל צי עס איז דא עפעס אין איר.

אבער, דערווייל האט זיך דער בריוו פארזוימט.

איין טאג האב איך געהערט אז עס איז דא א משפחה אין די געגנט וואס געפינט זיך אין קוואראנטין [בידוד] און וועלנדיג פארגרינגערן זייערע שוועריגקייט האב איך געזאגט אין שטוב אז מען דארף טראכטן מיט וואס מען קען ארויסהעלפן די שכנים. מען האט אפירגעזוכט אין שטוב פארשידענע קינדערישע אונטערהאלטונגען און ווען מען האט געטראפן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו די שכנה.

ארויסגייענדיג, ווי אייביג, האבן מיר געכאפט א בליק אין דער פאסט קעסטל, עס איז געווען ליידיג. אינדרויסן איז אראפ א שטארקער גאס רעגן און כ'בין עס געגאנגען טראגן. צוריקקומענדיג דערהויבן פון דער פאקט אז מען האט געקענט העלפן א צווייטן איד, באמערקט פלוצלונג מיין בני בית אן ענוועלאפ אויף די ערד, זי געבט א קוק, עס איז דער לאנג דערווארטערטער ענוועלאפ פון אמעריקע.

א מינוט שפעטער האבן מיר זיך געכאפט ווי גרויס עס איז געווען די ישועה און וויאזוי דורכ'ן העלפן א צווייטן האט מען זיך פארשפארט אסאך עגמת נפש, גייענדיג מיט דער כלל אז וואס מען טוט פאר יענעם - טוט מען בעצם פאר זיך!

אין אזא צייט אין טאג גייט מען געווענליך נישט ארויס פון שטוב, און ווען מען גייט ווען נישט ארויס וואלט דער ענוועלאפ געבליבן ליגן אויף די ערד ווערנדיג דורכגעווייקט נאס, אזוי אז די ארויסגיין פאר יענעם האט אונז געראטעוועט פון די שאדן.

## גרייטס אן ענוועלאפס

איך האב זיך געגרייט חתונה צו מאכן מיינע קינדער, אבער די טאשן זענען געווען ליידיג. איך האב זיך פארלאזט אויפ'ן רבוש"ע אז ער וועט מיר העלפן און פארשפארן צו דארפן ארומלויפן בארגן פון אנדערע.

ווען מ'האט אין שטוב גערעדט פון די תוצאות האב איך געהייסן אנגרייטן ענוועלאפס און אויפשרייבן אויף יעדער פון זיי וויפיל עס פעלט זיך אויס פארדעם און פארדעם און זיך געזעצט זאגן תהלים.

איך האב נאך אזוי געזאגט תהלים ווען אינמיטן קלינגט מיין טעלעפאן און מיין שכן איז אויפ'ן ליין. עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך האב ארויסגעבויט א פארטש און מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז ווען ער וועט וועלן בויען וועט ער מיר אפצאלן די געלט וואס איך האב אריינגעלייגט אין די בויערי.

יעצט האט ער געוואלט בויען און ער האט מיר געוואלט ברענגען געלט אפצוצאלן די יעניגע געלט, די געלט וואס ער האט געברענגט איז געווען גענוג און נאך, אז עס איז נאך געבליבן פאר מער ווי אויף די אנגעגרייטע ענוועלאפס.

## אלקא דמאיר ענני

איך הייס אהרן און כ'וואוין אין די שטאט ביתר עילית און צוליב מיינע געשעפטן קומט מיר אויס אז פון צייט צו צייט פאר איך אריין קיין ירושלים אויף עטליכע שעה.

אין א טאג בין איך אריינגעפארן קיין ירושלים און אראפקומענדיג פון באס דערזעה איך פלוצלונג אז מיין בערזל מיט אלע מיינע קרעדיט קארטלעך פעלט. צו מיין מזל איז דער באס געווען א פריוואטער באס, אזוי אז אריינקלינגען אין די קאמפאני און בעטן אז זיי זאלן מיר אפגעבן די אבידה איז נישט געווען קיין אויסוועג.

איך בין געווען זייער נערוועז און נאך עטליכע טעג ווארטן מיט צאפלניש און נאכקוקן צי איינער האט זיך באנוצט מיט דער קארטל צי נישט, ווען צו מיין מזל האט עס קיין איינער נישט גענוצט, האב איך באשלאסן אז כ'גיי אריינקלינגען אין באנק און אפשטעלן די קארטלעך.

א רגע בעפאר איך האב אויפגעהויבן דער טעלעפאן אריינצוקלינגען צו די באנק, האב איך א טראכט געגעבן צו מיר אז פון ווען די מעשה האט פאסירט, האב איך נאך קיינמאל נישט מתפלל געווען צום באשעפער אז מען זאל טרעפן די אבידה און אויך האב

## איין פרק האט אים אראפגעשלעפט

עס דערציילט הרב הגאון המפורסם ר' מיכאל פרץ שליט"א פון די חשובע רבנים אין מעקסיסקא:

עס איז געווען בערך מיט א חודש צוריק ווען אין א טאג דערהאלט איך א טעלעפאן-רוף פון א איד, אין די זעכציגער יארן. דער איד האט זיך פארגעשטעלט פאר מיר און נאכדעם וואס ער האט מיר געזאגט ווער ער איז, האב איך זיך דערמאנט אז איך האב זיך אמאל באגעגנט מיט אים, אבער מיר האבן נישט געהאט קיין שום באזונדערע שייכות.

"איך וויל אייך איינלאדענען צו א סעודת הודאה וואס כ'מאך ביי מיר אין שטוב".

דער איד וואוינט נישט ווייט פון מיר, אזוי אז עס האט מיר נישט געשטערט צו צוגיין צו די סעודה, טראץ וואס אין הארצן האב איך זיך געוואונדערט פארוואס עפעס לאדנט ער מיר איין צו די סעודה.

"איבער וואס איז די סעודת הודאה"? האב איך אים געפרעגט.

"איך בין אריבער די קאראנע ווייררוס, פאר א חודש צייט בין איך געלעגן אין שפיטאל אויף א רעספירעטער און ברוך השם, איך האב זיך אויפגעוועקט".

"ברוך רופא חולים"! האב איך אים באגריסט, זאגנדיג אז בס"ד וועל איך קומען צו גיין צו די סעודת הודאה.

צו דער באשטימטער צייט בין איך געקומען צו גיין און זיך געטראפן זיצן מיט נאך זיבעצן מענטשן אין איין צימער, יעדער פון זיי האט געקענט דער איד, אבער יעדער פון זיי האט זיך געוואונדערט פארוואס עפעס האט זיי דער איד געלאזט רופן, ווייל קיין איינער פון זיי האט נישט געהאט קיין עקסטערע נאנטקייט מיט דעם איד.

דער איד האט זיי נישט געלאזט לאנגווארטן, און נאך דעם וואס די סעודה האט זיך אנגעהויבן האט ער אנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע:

"ווען איך בין געווען אזוי איינגעשלעפערט אויפ'ן מאשין, האב איך געזען ווי פלוצלונג גיי איך ארויף אויף יענער וועלט און אט באגעגן איך זיך מיט מיין מאמע, וועלכע לעבט שוין לאנג נישט אויף די וועלט. זי קוקט מיר אזוי אן און פרעגט מיר: וואס טוסטו דא? גיי שוין אראפ אויף די וועלט! זאג איך איר אז איך וויל אראפגיין אבער איך קען נישט"!

"דו קענסט יא", האט זי מיר א זאג געגעבן און באפוילן איך זאל אראפקוקן אונטן. איך געב א קוק אראפ און וואס זעה איך? איך זעה ענק אלע אכצן זיצן און יעדער פון זיי האלט א תהלים אין די הענט און בעט פאר מיר ווען אינמיטן שפיר איך, ווי איר שלעפט מיר אראפ אונטן אויף די וועלט, איך בין דא, אויף די וועלט, אין אייער זכות".

דערציילט דער רב: ווען דער איד האט דאס דערציילט, האב איך אנגעהויבן טרייסלען. איך האב זיך דערמאנט אז ווען דער איד איז געווען אין א שווערע מצב האט איינער געבעטן מען זאל זאגן תהלים פאר אים, און איך האב געזאגט תהלים פאר אים. איך האב נישט געזאגט קיין סאך, איך האב געזאגט איין קאפיטל און מיט דעם דאזיגן קאפיטל, האב איך אים אראפגעשלעפט דא אונטן.

די כח פון תהלים איז אזוי גרויס, אפילו ווען מען זאגט נישט קיין סאך.

יא, מיר דארפן עס וויסן, מיר דארפן הערן און דערהערן וואס מען טוט אויך מיט בלויז איין קאפיטל תהלים.

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע אידישע וועלט זאגן עדות:

## א שעה א טאג פאר היטשעס [טרעמפ]

איך הייס אברהם וואלעס און כ'וויל ענק מיטטיילן מיט א געשעעניש וואס איך האב מיטגעלעבט.
מיט מער ווי צען יאר צוריק האב איך געדינט אלץ מלמד אין די געגענט פון נווה יעקב, איך וואוין אין די געגנט פון מאה שערים און צווישן די צוויי געגנטער איז א היבשער מהלך, און דער אנקומען אהיים איז געווען אן איבערלעבעניש.
אין א טאג האב איך אפגעשטעלט א קאר און זאגנדיג אז איך זוך א היטש קיין מאה שערים געגנט, האט ער מיר ארויפגענומען אין זיין קאר מיט א מורא'דיגע שמחה, ווען דורכאויס די גאנצע וועג, זוכט ער ארויפצונעמען נאך און נאך מענטשן, ווי איינער וואלט אים געצאלט געלט ער זאל נעמען מיט זיך מענטשן אומזיסט.
זעענדיג זיין גרויסער ברען צו נעמען מענטשן מיט זיך, האב איך זיך אנגעגארטלט מיט דרייסט און אים געפרעגט ער זאל מיר געבן צו פארשטיין דער באדייט פון זיין פירונג.
"איך טוה עס אזוי ווייל איך האב אמאל באקומען א מעסעדזש פון הימל".
"א מעסעדזש פון הימל"? בין איך געווארן נייגעריג, און דער איד הייבט מיר אן צו דערציילן זיין געשיכטע.
"מיט יארן צוריק", האט דער איד אנגעהויבן זיין דערציילונג.
"האב איך זיך באגעגנט מיט אן איינזאמער עלנדער איד ליגענדיג אזוי אויפ'ן גאס. זעענדיג ווי דער איד האט גארנישט אויף זיך, האב איך רחמנות באקומען אויף אים און אים אריינגענומען צו מיר אין שטוב. איך בין א קאנטראקטער אויף בויערי, אזוי אז איך האב א גרויסע דירה און איך האב פלאץ פאר אים. דער איד האט זיך זייער געפריידט צו מיר. ער האט מיר נישט גענדיגט דאנקען פאר די חסדים און ער האט געוואוינט ביי מיר א יאר צייט ווען איך געב זיך אפ מיט אים און שטעל אים צו אלע זיינע באדערפענישן.
נאך א יאר צייט געט מיר א זאג אין א טאג, אז ער שפירט אז זיינע טעג זענען געציילטע און ווייל איך האב אים אזוי געהאלפן וויל ער מיר מכיר טובה זיין אבער עס טוט אים לייד, ער האט נישט מיט וואס.
"געב מיר א תקיעות כף אז דו וועסט מיר קומען דערציילן וואס עס גייט פאר מיט דיר אויף יענער וועלט", האב איך אים געבעטן, ער האט מיר געגעבן און טאקע, נאך א שטיק צייט, איז ער נפטר געווארן פון די וועלט.
עטליכע מאנאטן זענען פארביי. איך האב זיך כמעט מייאש געווען פון אים אבער איין טאג, ביינאכט, זעה איך אים אין מיין חלום און ער רעדט צו מיר.
"איך בין געקומען ספעציעל צו דיר, ווייל האסט געטון פאר מיר אזא חסד אויף די וועלט, אבער ווייס, אז דאס וואס דו האסט געבעטן איז זייער א שווערע זאך, טוה עס נישט נאכאמאל, ווייל עס איז גוט דארט אויבן און עס איז שווער אראפצוקומען דא נאכאמאל.
איך קען דיר נישט דערציילן וואס עס גייט פאר דארט אויבן אבער אזויפיל קען איך דיר יא זאגן, יעדע מצוה וואס א מענטש טוט, אויב טוט ער עס מיט פניות פון כבוד אדער מיט אנדערע מחשבות פאלט אראפ שטיקער פון די מצוה, אבער די מצוה פון חסד, אפילו אויב דו טוסט עס מיט פניות, בלייבט עס גאנץ, ווייל חסד האט א מורא'דיגע חשיבות אין הימל".
דער איד דרייט זיך אויס צו מיר: דאס איז דער מעסעדזש וואס איך האב באקומען פון אויבן און פון דעמאלטס אן בין איך מקדיש א שעה א טאג צו טון חסד מיט אידן, איך דריי זיך אין די גאסן און כ'זוך צו טון חסד מיט אידן.
די טייערע מעסעדזש וואס דער איד האט מיר דעמאלטס געגעבן - פארשפרייט איך ווייטער פאר אנדערע - מען דארף עס וויסן.

ביים קוועטשן 1 פאר אינטערוויוס דרוקט קנעפל 6 > 5
לאזט איבער א קלארע מעסעדזש אויף קנעפל 3 > 4 נאכן אויסוועלן א שפראך

איך נישט געגעבן קיין צדקה פאר רבי מאיר בעל הנס אז די אבידה זאל געטראפן ווערן.
איך האב זיך געשעמט פאר מיר אליין און גענומען עטליכע שקל אין די הענט און עס אריינגעלייגט אין א פושקע זאגנדיג אלקא דמאיר ענני, און אויך האב איך מתפלל געווען צום באשעפער ער זאל מיר מחזיר זיין די אבידה.
עס איז נישט אריבער קיין לאנגער צייט און מיין טעלעפאן צוקלינגט זיך. אויפ'ן ליין איז ר' חיים פון בית שמש, א מקורב ביי איינער פון די גדולי הדור.
"ר' אהרן", זאגט ער מיר.
"עס זיצט נעבן מיר א איד און ער זאגט אז ער האט דא געטראפן א גאנצער טאש מיט קרעדיט קארטלעך, אויף די קארטלעך שטייט דיין נאמען. צי האסטו אפשר פארלוירן אזאנס"?
אינגאנצן באגייסטערט פון די אפענע יד השם, האב איך אים גלייך געזאגט אז יא! מיר האבן אפגעשמועסט אן ארט וואו ער קען עס אפשיקן, און כ'האב געדאנקט השי"ת פאר די חסד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז פאר גאנצע צוויי וואכן איז דער בערזל געלעגן אין זיין ארט ווען עס ווארט איך זאל מתפלל זיין אויפדעם און גלייך איז עס צוריקגעקומען צו מיר.
ברוך המשיב אבידה לבעלה.

## הרגיל בנר

מיין נאמען איז נפתלי דאווידאוויטש, און איך האב א גראסערי געשעפט אין די שטאט אשדוד.
איין וואך פרייטאג באמערק איך א מאדנער בילד. עס קומט אריין צו מיר אין געשעפט א איד, אן א קאפל און קויפט זיך איין א בארג פון ליכט.
דער גרויסער קוואנטום וואס ער האט געקויפט איז מיר געווען אויפפאלנד, איך האב אים א פרעג געגעבן וואס איז היינט?
"וואס הייסט וואס? היינט איז ערב שבת און כ'קויף ליכט לכבוד שבת, מיין פרוי צינדט אן יעדער וואך אסאך ליכט".
איך האב אים באגריסט, און ער זעט ווי כ'וואונדער זיך אזוי געט ער מיר א זאג.
"קוק מיר נישט אן אזוי, איך האב א זון וואס איז געווארן א בעל תשובה און ער האט פיר ערליכע קינדער, זיי זענען זייער וואויל, זיי פארשאפן מיר אסאך נחת".
איך האב אים אויסגעליבט און פאר מיר האב איך געהאט א לימוד, איך האב געזען ווי די ווערטער פון חז"ל ווערן מקויים: הרגיל בנר הויין לו בנים תלמידי חכמים!

## אויפ'ן חשבון פון דעם אדון הכל

אין איינער פון די זומער טאג איז מיין קינד אהיימגעקומען באגייסטערט אז נעקסטער וואך גייט די תלמוד תורה פארן צו א שיינער ארט, און ער געבט מיר א פרעג צי איך וועל אים קענען פארבארגן מיין באס קארטל.
"מיין באס קארטל? פארוואס נעמט מען נישט א פריוואטער באס? די שטאטישע באסעס זענען פול מיט אלע מיני מענטשן און אין אזא פלאץ פארן נישט קיין ריינע תלמוד תורה קינדער".
איך האב גלייך אויפגעהויבן א טעלעפאן צו דער מנהל פרעגענדיג די באדייט פון אזא זאך, און דער מנהל האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז א פריוואטער באס איז א טייערע מעשה, עס קאסט טויזנט שקל און די תלמוד תורה קען זיך עס נישט ערלויבן.
"איך וועל עס באצאלן", האב איך א זאג געגעבן.
דער מנהל האט עס אנגענומען און באשטעלט א באס. עס איז געקומען א טאג בעפאר די טריפ האט געדארפט פארקומען און מיינע טאשן זענען געווען ליידיג, איך האב נישט געהאט אזא סומע געלט. בסך הכל בין איך א כולל יונגערמאן אבער איך בין געווען זיכער אז השי"ת וועט עס מיר שוין אונטערשטיקן.
נאך אין יענעם טאג קומט צו מיר א איד און זאגט מיר אז ער וויל מיר געבן צדקה געלט 800 שקל, וואס מען האט צוזאמענגענומען פורים פאר לומדי תורה. מיט איין שמחה האב איך דערציילט די מעשה פאר מיין קינד, אבער ער איז נאכנישט געווען רואיג זאגנדיג אז עס פעלט נאך 200 שקל.
עס איז אדורך געציילטע שעה'ן און א איד וואס געבט מיר פון צייט צו צייט געלט רופט מיר אן זאגנדיג אז ער האט פאר מיר היינט 300 שקל.
איך האב געקענט ווייזן פאר מיינע קינדער ווי אזוי פון הימל צאלט מען אפ און מען בלייבט נאך מיט א הונדערטער ריווח.

## דער געלט איז גלייך צוריקגעקומען

דער פארלאפענער ערב ראש חודש שבט האט מיר מיין חבר אין סקווירא דערציילט א מורא'דיגע מעשה.
ער האט זיך געגרייט צו קויפן א הויז און איינער האט אים געזאגט אז א סגולה אז אלעס זאל זיין גוט איז צו געבן צדקה לעילו נשמתו פון הרה"ק ר' מרדכי מקאזמיר זי"ע בן הרה"ק מטריסק. איך האב אים געפאלגט און הערנדיג אז א איד פארט קיין ארץ ישראל האב איך אים געגעבן א שיינע סומע ער זאל עס אויסטיילן פאר עניי ארץ ישראל לעילו נשמתו פון דעם צדיק.
ער האט עס אויסגעטיילט און איך האב זיך געגרייט צו די עיסקא.
ווי עס איז דער שטייגער האב איך אריינגעלייגט אסאך געלט ביי דעם לאיער ער זאל אפצאלן דערמיט די אלע ארומיגע געלטער ווען איך רעכן אז עס גייט נישט איבערבלייבן גארנישט. למעשה, נאכ'ן שליסן די געשעפט, זאגט מיר דער לאיער אז עס איז געבליבן געלט.
דער חשבון האט נישט געשטימט, אבער ווען איך האב געהערט וויפיל געלט עס איז האב איך געכאפט א שאק, עס איז געווען דער גענויער סומע וויפיל איך האב פארטיילט לעילוי נשמתו פון דעם צדיק.

אויסהערן שטענדיג די 'השגחה פרטית' האטליין האט געמאכט אונזער לעבן רואיגער און צופרידענער.

# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**איך וויל פארלייגן א יסודות'דיגע שאלה אין בטחון. ווען א מענטש האט א צורך, ווי למשל ער האט נישט קיין דירה, צי דארף ער גלייבן אז השי"ת 'וועט' ממלא זיין די צורך וואס ער האט, אדער דארף ער גלייבן אז השי"ת 'קען' אים ממלא זיין די צורך וואס ער האט?**

שאלה נומער 13

י.י.ז. פון בני ברק

### א מחלוקת צווישן גדולי עולם

**הרב שמעון שלמה ראטמאן פון בית שמש:** אין די נושא טרעפן מיר חילוקי דיעות צווישן גדולי ישראל. דער הייליגער חזון איש שרייבט אז דער מהות פון בטחון איז אז דער מענטש זאל גלייבן אז אלעס קומט פון אויבן, אבער עס מיינט נישט אז ער וועט טאקע באקומען אלעס וואס ער בעט. דאגעגן די גדולי החסידות האלטן אז ביי דער בוטח בשם ווערט מקויים וואס דער פסוק זאגט "והבוטח בשם חסד יסובבנהו" און דער וואס שטארקט זיך אין בטחון איז זוכה צו אלעס גוטס.

**הרב משה שחור פון בני ברק** ציטירט די ווערטער פון דעם הייליגן חזון איש אין זיין ספר אמונה ובטחון [פ"ב]: עס איז אן אלטער איינגעווארצלטער טעות ביי מענטשן אין דער מושג פון בטחון אז ווען א מענטש האט פאר זיך צוויי וועגן, איין וועג איז גוט און די צווייטע וועג איז נישט גוט, אז בטחון מיינט אז עס וועט אים זיכער זיין גוט און אויב איז ער נאר חושש אז די נישט גוטע זאך וועט אים באטרעפן איז ער נישט קיין בעל בטחון. עס איז נישט ריכטיג! בטחון מיינט באמת אז אלעס קומט פון אויבן, ווייל דער באשעפער וויל אזוי און ער מאכט אזוי. לויט דעם קומט אויס אז דער חזון איש האלט אז בטחון מיינט נישט אז דער מענטש וועט באקומען וואס ער וויל אבער צום ענדע פירט דער חזון איש אויס אז אויף דער בעל הבטחון רוט א רוח הקודש און עס באגלייט אים א רוח עוז וועלכער איז אים מבשר אז השי"ת וועט אים העלפן.

###ביידע צדדים זענען גערעכט

**הרב יוסף שזירי פון ניו יארק:** אין מיינע אויגן איז נישט דא קיין שאלה ווייל השי"ת קען ביידע, מען דארף גלייבן אז השי"ת קען אונז געבן אלעס און אויך אז ער וועט אונז געבן אלע אונזערע געברויכן און באדערפענישן.

**הרב מיכאל אולמאן פון בני ברק:** אלע וועגן זענען ריכטיג אבער עס קען זיין אז די עבודה פון א איד זאל ערשט זיין אז ער זאל איינווארצלען ביי זיך אין הארץ די אמונה אז אלעס קומט פון אויבן, און איינמאל דאס איז שוין געגוג שטארק אין אים זאל ער ארויפגיין א דרגה און גלייבן אז השי"ת וועט אים צושטעלן אלע זיינע געברויכן.

**הרב רפאל חיים פרידמאן פון ירושלים** מאכט א סך הכל אין ראשי תיבות: גלייבן אז השי"ת קען געבן איז אמונה, זיך פארלאזן אויף אים אז ער וועט אים געבן אלע זיינע געברויכן איז ביטחון און דאס ליגט אין די ראשי תיבות **א**מונה **ב**טחון און ווען ער וועט זיין א בעל בטחון וועט קומען צו גיין דער ג-ד און דאס איז א **ג**רויסע **ד**ירה.

### וואס עס איז גוט פאר דיר וועסטו באקומען

**הרב חיים צבי גאלענדער פון בני ברק:** מיין זיידע הרב אליעזר לעווינגער שליט"א, וועלכער איז אריבער די ביטערע קריג, ווען כ'פרעג אים ווי אזוי גייט עס? זאגט ער מיר, די בעסטע וואס עס קען זיין, און ער לייגט צו אז וואלט השי"ת געהאלטן אז עס דארף זיין נאך בעסער, וואלט ער געמאכט עס זאל זיין נאך בעסער. צו אונזער ענין, עס איז זיכער אז השי"ת קען געבן נאך, אבער אז ער געבט נישט איז א סימן אז אזוי איז גוט פאר אונז.

**הרב חיים שווארץ פון בני ברק:** דער חובת הלבבות ברענגט אראפ זיבן זאכן וואס א מענטש דארף וויסן צו זיין א בעל בטחון. צווישן די זאכן ציילט זיך אז השי"ת קען אים געבן אלעס און אז השי"ת ווייסט וואס עס איז גוט פאר אים, און אז ער האט אים נישט געגעבן איז א סימן אז דאס איז נישט גוט פאר אים. עס איז באקאנט די משל פון א טאטע וואס וויל נישט געבן פאר זיין קינד מסוכנ'דיגע זאכן, אפילו דאס קינד בעט עס.

### א שאלה פאר גליון 61

יעדער ווייסט אז מעשר'ן די געלט ברענגט אריין א ברכה אין די געלט. עס איז דא דערביי מערערע שיטות. מיין שאלה איז צי אויך היינט זעט מען נאך אז די אלע וואס נעמען אראפ מעשר זען א ברכה אין זייער געלט און ווערן נתעשר?

א.מ. פתח תקוה

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג תצוה. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

### די 'מאנקי' פאסטקע

דער מאנקי [מאלפע] איז א לעבעדיגער און טאנצענדיגער באשעפעניש. ער שפרינגט ארום אויף די ביימער און אויף די דעכער, אז די פאנגערס זענען ממש אובד עצות ווי אזוי פאנגען זיי אים אריין אין זייער נעץ.

אבער אויך מיט די מאנקיס האבן זיך די יעגער אן עצה געגעבן. זיי האבן געלעכערט די העלצער איבער וואו זיי טאנצן, די לעכער האבן זיי אנגעפולט מיט ניס, א מאכל וואס דער מאנקי האט זייער ליב און ווען דער מאנקי האט געזען זיין באליבטער מאכל האט ער אריינגעשטעקט זיין הענט ארויסצונעמען פון דארט די ניס.

וואס מען זאגט נישט אויס פאר'ן מאנקי איז אז דער לאך, אין וואו ער שטעקט אריין זיינע פינגער איז אויבן ברייט און אז ווי טיפער מען גייט אריין ווערט עס אלץ שמאלער און שמאלער, אז ווען ער און שטעקט אריין זיין פינגער וועט ער עס נישט קענען ארויסנעמען פון דארט.

איינמאל זיינע פינגערס זענען שוין אינעווייניג איז שוין צו שפעט!

וואו ליגט זיין טעות? אין די פארבלענדעניש פאר די ניסל, וואלט ער אפגעלאזט די ניסל וואלט ער ווייטער געבליבן פראנק און פריי.

זייער אסאך מאל טרעפט זיך אז דער מענטש איז ווי א מאנקי. ער כאפט זיך אזוי שטארק אין א זאך און ער קען זיך נישט ארויסזען פון דעם, אלעס וואס ער דארף טון איז זיך געבן א לאז פון דעם און ער איז א פרייער מענטש.

צדיקים האבן אונז מגלה געווען אז אסאך מאל איז די ישועה פאר א מענטש אזוי נאנט, אז אלעס וואס ער דארף טון איז זיך געבן א לאז אפ פון די צרה, אבער אזוי לאנג ווי ער טוט עס נישט, קען ער נישט באקומען די ישועה.

די זעלבע איז ווען א איד דארף א רפואה און ער איז אזוי צוגעבינדן צו די קרענק, גלייבנדיג אז דאס איז עס און עס קען פשוט נישט זיין אנדערש, און דאס זעלבע איז מיט חובות. דער מענטש איז אזוי פארגלייבט אז זיין גורל איז צו דרייען חובות, אז ער קען ניטאמאל טראכטן אז עס קען זיין עפעס אנדערש.

ער איז אזוי פארגלייבט אין דעם, אבער ער ווייסט נישט אז אלעס וואס ער דארף טון איז פשוט אויפהערן צו דרייען חובות, אין די רגע וואס ער טוט דאס, זעט ער גלייך די ישועה.

רבותי עס איז געקומען די צייט אפצולאזן די ניסל און ווערן באפרייעט!

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

פון ווען איך הער אויס די 'השגחה פרטית' האטליין און איך לייען די גליונות וועל איך בעפאר יעדער טריט וואס איך מאך אין מיין לעבן זיך מתבונן זיין צי איז דאס א דער רצון השם און צי מיט די פעולה וועל איך דערפרייען השי"ת אדער נישט.

איך דאנק אייך פאר'ן מיר העלפן מאכן דער טויש אין בליק פון מיין לעבן.

**מצד די געבער**

איך האב זיך אנגעשלאסן אין געבן א קביעות'דיגע סומע געלט פאר די גליון ווארטנדיג אויף א ישועה פאר א שידוך. ברוך השם איך בין געהאלפן געווארן, און קומענדיגע וואך איז די חתונה און כ'האלט שוין יעצט ביים איינצאלן די לעצטער פעימענט פאר די חתונה.

יישר כח!!

י.ג. בני ברק


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


# און אייביגע הנצחה

**נתנדב גיווארן**

לעילוי נשמת

מורינו מוה"ר **אלכסנדר זושא**

ב"ר **מרדכי מנחם** ז"ל

עלה למרום ב' אדר א' תש"ס

מרת **מלכה** ע"ה בת ר' **משה**

עלתה למרום כ"ט שבט תנש"א


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער איסהערן קריאת התורה